יח. דערנאך איז דא נאך א דיוק אין פירש"י, וואס אפי' די וואס דינגען זיך צי פירש"י איז מדויק וכו', קען מען זעהן פון דעם פסוק אויף וויפל ס'איז מדויק. וואס רש"י איז דאך געווען דער פרשנדתא וכו', און ער האט געשריבן שו"ת, און געהאט א ישיבה מיט תלמידים וכו' - איז בשעת מ'זעט אז

- אין -

אין איין פסוק איז רש"י משנה א פרט מסוים, זעט מען אויף וויפל ס'איז בדיוק (ווארום אפי' א מענטש ע"ד הרגיל וואלט דאס אויך ניט געטאן):

אין פסוק (יד) שטייט: "ואת מנורת המאור ואת כלי' ואת נרותי' ואת שמן המאור". איז ווען רש"י איז מפרש וואס מיינט "כלי'", איז ער מעתיק פון פסוק "ואת כלי'"; עד"ז ווען ער איז מפרש "שמן המאור", איז ער מעתיק פון פסוק "ואת שמן המאור" - און אין צווישן, ווען ער איז מפרש "נרותי'", איז ער ניט מעתיק דעם ווארט "ואת"?!

אין דעם פירש"י אויף "נרותי'" - איז אויך ניט פארשטאנדיק: רש"י זאגט דעם זעלבן פי' וואס ער האט שוין געזאגט פריער אין תרומה (כה, לז), "כמין בזיכין שנותנין בתוכן השמן והפתילות", און איז דערביי מוסיף בתחלת פירושו דעם אפטייטש פון דעם ווארט: "לוציני"ש בלע"ז".

איז ממה נפשך: אויב דער בן חמש למקרא פארשטייט וואס דאס מיינט אן דעם "לע"ז", דארף דאס רש"י דא ניט זאגן; און אויב מען דארף אנקומען צום "לע"ז", כדי דער בן חמש זאל פארשטיין וואס דאס איז - האט דאס רש"י געדארפט זאגן צום ערשטן מאל, אין תרומה?

עד"ז אין סוף פ' תצוה (ל, ז) זאגט רש"י: "הנרות - לוצי"ש בלע"ז". וואס אויך דארטן איז די זעלבע שאלה אזוי ווי דא. און עפי"ז ווערט נאך שווערער צוליב וואס דארף רש"י זאגן דעם "לע"ז" אין ויקהל; אפי' אויב מ'דארף אנקומען מאיזו סיבה שתהי' צו דעם לע"ז, האט דאך דאס שוין רש"י געזאגט בסוף פ' תצוה, איז צוליב וואס חזר'ט ער דאס איבער נאכאמאל?

כא. דער ביאור אין פירש"י:

דער ענין איז פארבונדן מיט א סוגיא חמורה אין מנחות (פח, ב) בנוגע צו נרות המנורה, וואס דער רמב"ן (עה"פ תרומה כה, לט) איז מרעיש עולמות אויף שיטה רש"י, און דער ראב"ם (שם) וויל לערנען אנדערש ווי רש"י.

וואס בנוגע צו נרות המנורה, דארף מען וויסן צי די נרוה זיינען געווען קבוע אין דער מנורה, ד.ה. אז די נרות זיינען געווען "מקשה אחה" מיט די מנורה, אדער אז די נרות זיינען ניט געווען קבוע אין דער מנורה, נאר מ׳האט זיי געקענט אראפנעמען.

וואס שיטת הגמ׳ (מנחות שם. וראה שבת כב, ב) איז, אז די נרות זיינען געווען קבוע אין דער מנורה, און "מקשה אחת" מיט איר, ועד"ז איז אויך שיטת הרמב"ם (הל׳ בית הבחירה פ"ג ה"ו) "הנרות קבועין במנורה", און אזוי לערנען אלע מלמדים בפשטות;

פון פשטות הכתובים איז אבער משמע ניט אזוי, ווארום אין פ׳ תרומה וואו ס׳ווערט דערציילט וועגן די מנורה, שטייט פריער "כפתוריהם וקנותם ממנה יהיו כולה מקשה אחת זהב טהור" (כה, לו), און ערשט דערנאך (שם לז) שטייט "ועשית את נרותי׳ שבעה", איז וויבאלד אז דער ציווי אויף עשית הנרות שטייט נאך דערויף וואס ס׳שטייט "כולה מקשה אחת", איז דאך מוכח אז דער "מקשה אחת" גייט ניט אויף די נרות, ווארום וועגן די נרות ווערט דערציילט ערשט נאך דערויף.

- עד"ז -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

עד"ז אין פ׳ ויקהל וואו עס ווערט דערציילט וועגן עשיית המנורה, איז אויך די זעלבע זאך: פריער שטייט "כולה מקשה אחת זהב טהור" (לז, כב), און ערשט דערנאך (שם כג) שטייט "ויעש את נרותי׳ שבעה" - זעט מען דאך אז סיי אין דעם ציווי אויף עשיית המנורה, סיי אין עשיית המנורה בפועל, שטייט פריער "מקשה אחת", און דערנאך שטייט וועגן עשיית הנרות, ד.ה. אז די נרות זיינען נים געווען "מקשה אחת" מיט דער מנורה.

און ווייבאלד אז רש"י איז דאך מפרש פשש"מ, און אין אן אופן אז ס׳זאל גארניט פעלן אין הבנת הענין, ווי מ׳זעט אז בשעת ס׳איז נים פארשטאנדיק בפשטות, ברענגט רש"י א פי׳ פון מדרש וכיו"ב, ווי רש"י זאגט אליין אז ער ברענגט אויך "אגדה המישבת המקרא", ביז אז בשעת רש"י האט נים קיין ביאור בפשש"מ, זאגט ער "איני יודע" (נסמן בלקו"ש ח"ה בהחלתו), ד.ה. אז אומעטום וואו רש"י זאגט נים "איני יודע", דארף דאס זיין פארשטאנדיק בפשטות;

איז ווייבאלד אז רש"י שטעלט זיך גארניט אויף דעם וואס מ׳זעט אז אומעטום ווערט דערציילט וועגן נרות המנורה ערשט נאך דערויף וואס ס׳שטייט "מקשה אחת", איז דאך פארשטאנדיק אז רש"י נעמט אן כפשטות הכתובים אז די נרות זיינען נים געווען "מקשה אחת" מיט דער מנורה, ווארום ווען רש"י וואלט געהאלטן אז די נרות זיינען געווען "מקשה אחת", וואלט ער זיך געדארפט שטעלן און מבאר זיין פארוואס ווערט דערציילט וועגן עשיית הנרות ערשט נאך דערויף וואס ס׳שטייט "מקשה אחת".

עד"ז איז דא א ראי׳ דערצו פון פ׳ פקודי: אין פ׳ פקודי (לט, לג) ווערט דערציילט אז מ׳האט געבראכט צו משה רבינו אלע כלים פון משכן, שטייט דארטן אז מ׳האט אויך געבראכט "את המנורה הטהורה את נרותי׳" (שם לז), וואס דערפון איז דאך א ראי׳ אז די נרות זיינען נים געווען "מקשה אחת", ווארום אויב מ׳וועט זאגן אז ס׳איז געווען "מקשה אחת", קען מען דאך נים זאגן אז מ׳האט געבראכט די מנורה, און מ׳האט געבראכט אויך די נרות, פונקט ווי מ׳קען נים זאגן אז מ׳האט געבראכט די מנורה, און מ׳האט אויך געבראכט די כפתורים ופרחים, ווארום ס׳איז "מקשה אחת"!

- מ׳קען זאגן אז מ׳האט געבראכט "את ארון העדות ואת בדיו" (שם לה), ווארום די בדים זיינען געווען א באזונדער זאך פון דעם ארון, נאר מ׳האט זיי אריינגעלייגט אין טבעות הארון, קען מען זאגן אז מ׳האט געבראכט דעם ארון באזונדער און די בדים באזונדער; מ׳קען אבער נים זאגן אז מ׳האט געבראכט די מנורה באזונדער, און די כפתורים ופרחים באזונדער, ווארום ס׳איז געווען "מקשה אחת";

איז ווייבאלד אז מ׳זעט אז ס׳שטייט "את המנורה הטהורה את נרותי׳", אז מ׳האט געבראכט די מנורה באזונדער, און די נרות באזונדער, איז דאך דערפון מוכח אז די נרות זיינען געווען א באזונדער זאך, נים "מקשה אחת" מיט דער מנורה.

און ס׳איז אויך פארשטאנדיק אז ס׳איז בעסער בשעת די נרות זיינען א באזונדער זאך פון דער מנורה (נים "מקשה אחת"), ווארום בשעת מ׳האט געדארפט מטיב זיין די נרות, איז א סאך גרינגער צו מטיב זיין די נרות בשעה מ׳נעמט זיי אראפ פון דער מנורה למקום אחר, און דארטן איז מען זיי מטיב (ווי ס׳איז אויך דא איצטער אזוינע מנורות וואס זייערע נרות זיינען א באזונדער זאך פון דער מנורה, און מ׳לייגט זיי ארויף אויף די מנורה), משא"כ ווען די נרות וואלטן געווען "מקשה אחת", דארף מען זיי מטיב זיין זייענדיק אויף די מנורה.

- וואס -



הנחת הת׳ בלתי מוגה

וואס מכהנ"ל איז פארשטאנדיק אז שיטת רש"י איז אז די נרות זיינען געווען א באזונדער זאך פון דער מנורה, נים "מקשה אחת", און בשעת מ'האט מטיב געווען די נרות, פלעגט מען זיי אראפנעמען פון דער מנורה, און ווי די גמ' (מנחות שם) ברענגט אראפ א דעה אז הסבת הנרות איז געווען אין אן אופן אז "מסלקן ומניחן באוהל ומקנחן בספוג כו'".

כב. ע"פ האמור לעיל אז לויט שיטת רש"י אין פשש"מ זיינען די נרות נים געווען "מקשה אחת" מיט דער מנורה, נאר א באזונדער זאך, דארף מען זאגן אז דאס וואס ס'שטייט "את כל הכלים האלה" (תרומה כה, לט), גייט דאס אויך אויף די נרות, אז די נרות ווערן אנגערופן "כלי המנורה" (וויבאלד זיי זיינען נים געווען "מקשה אחת").

ועפי"ז איז אויך פארשטאנדיק שיטת רש"י וואס ער זאגט עה"פ "ככר זהב טהור יעשה אותה גו'" (שם) - "שלא יהי' משקלה עם כל כלי' אלא ככר לא פחות ולא יותר". וואס דער רמב"ן (עה"פ) פרעגט אויף דעם "תימה גדול שלא יתן הכתוב משקל למנורה כמה יהי' בה מן הככר, ויוכל לתת חצי הככר במלקחים ובמחתות . . וימעט בה, או שיתן במנורה ככר פחות מנה ובכל הכלים האלה מנה",

וואס דערפאר קריגט זיך דער רמב"ן אויף רש"י, און ער זאגט אז אין דעם ככר גייען נים אריין די נרות און מלקחים ומחתות, און ער ברענגט אויף דעם די מחלוקת אין גמ' (מנחות שם) צי נאר די נרות גייען אריין אין דעם ככר, אדער אז אפי' די נרות גייען אויך נים אריין אין דעם ככר, און דאס וואס ס'שטייט "את כל הכלים האלה", גייט דאס נאר אויף דעם פרט אז די כלים דארפן אויך זיין פון זהב, אבער זיי גייען נים אריין אין דעם חשבון הככר.

אבער רש"י לערנט "שלא יהי' משקלה עם כל כלי' (אויך די מלקחים ומחתות) אלא ככר", ווייל לויט פירש"י ווערן די נרות נכלל אין "כל הכלים האלה" (וויבאלד אז זיי זיינען נים געווען "מקשה אחת", נאר א באזונדער זאך), וואס דערפאר איז אזוי ווי בנוגע צו די נרות דארף מען דאך זאגן אז זיי גייען אריין אין דעם חשבון פון דעם ככר, קען מען שוין זאגן אז אויך מלקחי' ומחתותי' זיינען אריין אין דעם חשבון פון דעם ככר, וואס דערפאר זאגט רש"י "שלא יהי' משקלה עם כל כלי' אלא ככר", אז דער ככר איז כולל אלע כלים, סיי די נרות, סיי די מלקחים ומחתות.

וואס דערפון איז מובן אז שיטת רש"י איז אז "כלים" זיינען כולל אויך די נרות, ד.ה. אז פריער ווערן אויסגערעכנט די נרות און די מלקחים ומחתות, און דערנאך זאגט ער אויף זיי אלע "את כל הכלים האלה". ועד"ז דאס וואס ס'שטייט אין פ' ויקהל (לח, כד) "ואת כל כלי'", גייט דאס אויך אויף די נרות וועלכע ער רעכנט פריער, ועד"ז אין פ' פקודי (לט, לז) "ואת כל כלי'".

כג. בשעת מ'קומט אבער צום פסוק "ואת מנורת המאור ואת כלי' ואת נרותי'" (ויקהל לה, יד), וואס דא איז דער סדר פריער כלי' און דערנאך נרותי' - זעט מען דאך דערפון אז "כלי'" איז נים כולל די נרות (נים ווי מ'האט גערעדט פריער אז די נרות ווערן נכלל אין די כלים)?

און כדי צו פארענטפערן די קושיא, שטעלט זיך רש"י אויף "ואת כלי'", און זאגט אז דאס גייט אויף "מלקחים ומחתות", דערנאך איז רש"י ממשיך "נרותי'", ער איז אבער נים מעתיק פון פסוק דעם ווארט "ואת (נרותי')", וואס דערמיט קומט ער זאגן אז דאס איז כאילו ווי אין פסוק

- וואלט -

וואלט ניט געשטאנען דער "ואת (נרותי׳)", ד.ה. אז "ואת כלי׳" איז כולל מלקחים ומחתות און נרותי׳, וואס דערפאר נעמט ארויס רש"י דעם "ואת (נרותי׳)", כדי צו מדגיש זיין אז דער פי׳ הפסוק איז כאילו ווי ס׳שטייט ניט קיין "ואת", ד.ה. אז כלי׳ איז כולל אויך נרותי׳.

וואס דערפאר איז בשעת מ׳קומט צו "שמן המאוד", איז רש"י ווייטער מעתיק פון פסוק דעם ווארט "ואת שמן המאור", כדי צו מדגיש זיין אז בנוגע צו "נרותי׳" איז דער פי׳ הפסוק כאילו ווי ס׳שטייט ניט "ואת נרותי׳", נאר נרותי׳ ווערט נכלל אין "ואת כלי׳" - מלקחים ומחתות און נרותי׳.

און אע"פ אז אין פסוק שטייט דאך "ואת נרותי׳" - געפינט מען דאך אבער בכו"כ מקומות וואס אין פסוק שטייט א ווארט, און רש"י זאגט אז בנוגע צום פי׳ הפסוק מאכט ניט אויס אויב דער ווארט וואלט ניט געשטאנען, ד.ה. אז דער פי׳ אין דעם פסוק איז כאילו ווי דער ווארט שטייט ניט.

כד. ס׳איז אבער נאך אלץ ניט פארשטאנדיק: וויבאלד אז אין "ואת כלי׳" ווערן נכלל אויך נרותי׳, איז צוליב וואס דארף דער פסוק אויסטייטשן "נרותי׳" באזונדער?

אויף דערויף זאגט רש"י אז דער פי׳ פון נרותי׳ איז "לוציני"ש בלע"ז", וואס דאס איז א ווארט אין פראנצויזיש, וואס דער שורש דערפון איז דער ווארט "לוקס", וואס דער פי׳ בזה איז ליכטיקייט, וואס אע"פ אז דאס זיינען מערניט ווי די בזיכים וואס אין זיי האט מען ארייננעלייגט דעם שמן מיט די פתילות, אעפ"כ ווערן זיי אנגערופן ע"ש די ליכטיקייט וואס געפינט זיך אין זיי.

און וויבאלד אז נרותי׳ באווייזן אויף דעם ענין פון ליכטיקייט, דערפאר טייטשט מען דאס אויס באזונדער, ווארום דאס איז אן ענין עיקרי אין דער מנורה, ווייל אן דעם ענין פון ליכטיקייט איז דאס ניט קיין מנורה; משא"כ מלקחים ומחתות טייטשט מען ניט אויס באזונדער, ווארום זיי זיינען א דבר צדדי אין דער מנורה, ווייל מ׳מוז דאך ניט האבן קיין מלקחים ומחתות, נאר מ׳קען דאס טאן אויך מיט די הענט, משא"כ אבער דער ענין פון ליכטיקייט, וואס אן דערויף איז דאך דאס ניט קיין מנורה, וואס דערפאר טייטשט מען אויס "נרותי׳" באזונדער.

וואס דאס איז אלץ אין פ׳ ויקהל, וואו רש"י דארף פארענטפערן פארוואס שטייט "נרותי׳", משא"כ אבער אין פ׳ תרומה, דארף רש"י ניט ברענגען דעם פי׳ בלע"ז, נאר ער איז מפרש אז נרותי׳ מיינט "כמין בזיכין שנותנין בתוכם השמן והפתילות", אבער אין פ׳ ויקהל וואס דארטן ווערט די קושיא פארוואס שטייט "נרותי׳" באזונדער - דארף רש"י ברענגען דעם פי׳ בלע"ז אז די נרות ווערן אנגערופן ע"ש די ליכטיקייט, וואס דערמיט ווערט פארענטפערט די קושיא כנ"ל.

ועד"ז בשעת מ׳קומט אין סוף פ׳ תצוה דארף רש"י זאגן דעם פי׳ בלע"ז, אבער צוליב אן אנדער טעם:

אין סוף פ׳ תצוה שטייט "בבקר בבקר בהיטיבו את הנרות", וואס דאס מיינט דאך "נקוי הבזיכין של המנורה מדשן הפתילות שנשרפו בלילה", ווארום לשיטת רש"י האט די מנורה געברענט נאר כל הלילה; און דערנאך שטייט "ובהעלות אהרן את הנרות", וואס דאס מיינט דאך הדלקת הנרות -

ווערט דאך א קושיא ווי אזוי קען מען זאגן דעם וואדט "נרות" סיי בנוגע צו די הדלקה, אז מ׳צינדט אן די נרות, סיי בנוגע צו די הטבה, אז

- מ׳איז -

מ'איז מטיב די <u>בזיכין</u> - ווי זאגט מען אויך אויף דערויף "בהטיבו את <u>הנרות</u>"?

דערפאר ברענגט רש"י דעם פי' בלע"ז, אז דאס באווייזט אויף דעם ענין פון ליכטיקייט, וואס דערמיט איז פארשטאנדיק ווי אזוי קען מען נוצן דעם ווארט "נרות" אויך אויף די בזיכין, וויבאלד אז די בזיכין ווערן אנגערופן בלע"ז ע"ש זייער ליכטיקייט.

ס'איז אבער קיין קשיא ניט צוליב וואס דארף דאס רש"י זאגן נאכאמאל אין פ' ויקהל (נאך דעם ווי ער האט עס געזאגט אין פ' תצוה) - ווארום אין פ' ויקהל מוז דאס רש"י ברענגען אויף באווארענען די שאלה פארוואס עס ווערן אויסגערעכנט באזונדער "נרותי'", ניט ווי בפ' תצוה וואס דארטן קומט עס אויף צו פארענטפערן די סתירה צווישן ביידע פסוקים.

און דא זעט מען אויף וויפל פירש"י איז מדויק: אין גמ' ביצה דכ"ב ע"א זאגט רש"י אויף "שרגא" - "נר של חרס <u>קרויזול</u> בלע"ז", און דא זאגט רש"י "לוציני"ש בלע"ז" - ווארום דארטן איז נאר נוגע דער ענין אז דאס איז נר של חרס, משא"כ דא איז נוגע דאס וואס די נרות ווערן אנגערופן ע"ש זייער ליכטיקייט, וואס דערפאר זאגט ער דא דעם פי' בלע"ז וואס באווייזט אויף דעם ענין פון ליכטיקייט.

און רש"י באגנוגנט זיך ניט דערמיט וואס ער זאגט "לוציני"ש בלע"ז", נאר ער איז מוסיף "בזיכין שהשמן והפתילות נתונין בהן", ווארום דערמיט וויל רש"י באווארענען אז דאס וואס מ'זאגט אויף דערויף "לוציני"ש בלע"ז", איז דאס נאר בנוגע צו דעם פרט אז דאס זיינען געווען "בזיכין שהשמן והפתילות נתונין בהן", ס'איז אבער ניט אזוי ווי "לוציני"ש", ווארום דארטן איז דאס פון חרס, און דא זיינען געווען בזיכין פון זהב טהור.

כה. מ'האט דאך געהערט פריער (סכ"א) אז שיטת רש"י איז אז די נרות זיינען געווען א באזונדער זאך פון דער מנורה, ניט "מקשה אחת" - איז לכאו' דא א הוכחה פון רש"י אז די נרות זיינען יע געווען "מקשה אחת" פון דער מנורה:

עה"פ "מקשה תיעשה המנורה" (תרומה כה, לא) זאגט רש"י "שלא יעשנה חוליות ולא יעשה קני' <u>ונרותי'</u> איברים איברים ואחר כך ידביקם כדרך הצורפין . . אלא כולה באה מחתיכה אחת" - איז דאך דערפון מוכח לכאו' אז די נרות זיינען געווען "מקשה אחת" פון דער מנורה?

און אזוי איז אויך משמע לכאו' דערפון וואס רש"י זאגט אויף "וקנה" (שם) - "הקנה האמצעי שלה העולה באמצע הירך זקוף כלפי מעלה ועליו נר האמצעי כו'", איז לכאו' משמע דערפון אז ס'איז געווען "מקשה אחת" פון דער מנורה?

והביאור בזה:

רש"י זאגט נאר "שלא יעשה קני' ונרותי' אברים אברים ואח"כ ידביקם כדרך הצורפין", ד.ה. אז אין דער מנורה איז ניט געווען קיין מציאות אז ס'איז דא א חלק וואס איז דבוק צו איר כדרך הצורפין;

אדער אז דאס איז געווען א חלק פון דער מנורה אין אן אופן פון "מקשה אחת" (ניט כדרך הצורפין), אזוי ווי די קנים; אדער אז ס'איז אינגאנצן ניט געווען דבוק צו דער מנורה, אזוי ווי די נרות, וואס זיי זיינען געווען א באזונדער זאך פון דער מנורה. און דאס איז וואס רש"י זאגט אז אין דער מנורה איז ניט געווען קיין מציאות ס'זאל פריער זיין

- אברים -

אבֿרים אברים, און דערנאך זאל מען דאס מחבר זיין צו דער מנודה כדרך
הצורפין - ווארום די נרוה זיינען ניט געווען דבוק צו דער מנורה כדרך
הצורפין, נאר זיי זיינען געווען א באזונדער זאך.